# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:59
מוצאי שב"ק....................9:29

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........................משלי ט'-י'
בבלי...............עבודה זרה ל"ח
ירושלמי.......................כתובות ל'
תוספתא....................עדיות ב'
רמב"ם................זכיה ומתנה י'

פרשת מטות מסעי, שבת ר"ח, ראש חודש אב, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ב'
שנה 14, גליון 44 (712)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה. אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר דִי מִצְוָה פוּן נְדָרִים. דָאס אִיז אַ פֶּלֶא'דִיגֶע מִצְוָה; עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה לָאזְט נִישְׁט עֶסְן, וִוי חֲזִיר פְלֵייש, נְבֵלוֹת אוּן טְרֵפוֹת, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ דִי הֲלָכָה פוּן נְדָרִים, אוֹיבּ אַ מֶענְטְש זָאגְט אוֹיף אַן הֶיתֵּר'דִיגֶע זַאךְ: "קוֹנָם כִּכָּר זוּ", אִיךְ גֵיי נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם בְּרוֹיט, אָדֶער פוּן דֶעם גֶעטְרַאנְק, וֶוערְט עֶס אוֹיךְ אָסוּר, דֶער מֶענְטְש טָאר עֶס נִישְׁט עֶסְן, אוֹיבּ הָאט מֶען עֶס גֶעגֶעסְן בְּשׁוֹגֵג בְּרֶענְגְט מֶען אַ קָרְבָּן, אוּן בְּמֵזִיד בַּאקוּמְט מֶען מַלְקוֹת.

דָא זֶעט מֶען דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ וָואס אַ אִיד הָאט אִין זַיין מוֹיל, אֲפִילוּ אַן עֶסְנְוַוארְג וָואס דִי תּוֹרָה לָאזְט עֶסְן, אוֹיבּ זָאגְט עֶר אַרוֹיס מִיט זַיין מוֹיל מִיט אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט עֶס נִישְׁט עֶסְן, וֶוערְט עֶס אָסוּר מִן הַתּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ מֶענְטְש קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען, אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען", "בֶּאֱמֶת ווִיל אִיךְ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵייט מִיר יֶעדְן טָאג מַיין קָאפּ מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען", "אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן אַ רֵיינֶע מֹחַ", - טוּט עֶס זִיכֶער אוֹיף!

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק, וַוייל מַה דָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְש רֶעדְט דִיבּוּרִים פוּן סְתַּם זַאכְן, וִוי 'אִיךְ גֵיי יָא עֶסְן', 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט עֶסְן', 'אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן', 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן', וֶוערְט עֶס אַזוֹי חָשׁוּב, עֶס וֶוערְט נֶדֶר, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַרוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר ווִיל, 'אִיךְ גֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', - אַז דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער יָארְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ט-יב) אַז אִין אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר זִיךְ אַסַאךְ מְסַגֵף גֶעוֶוען, אַסַאךְ גֶעפַאסְט תַּעֲנִיתִים, אָבֶּער נִישְׁט פוּן דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן מֶען זָאל אִים נִישְׁט נָאכְמַאכְן מִיט דִי סָארְט זַאכְן. דֶער עִיקָר וָואס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ צַדִיק אִיז גֶעוֶוען דָאס וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר הָאט אַסַאךְ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מִיר אַלֶע קֶענֶען אוּן דַארְפְן נָאכְמַאכְן, וַוייל מִיט דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְש צוּ דִי גְרֶעסְטֶע בֶּעסְטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "אִיז דֶען אַ קוּנְץ צוּ וֶוערְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק?! אַוַודַאי אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער רֶבִּי, וַוייל עֶר שְׁטַאמְט פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים שַׂרְפֵי מַעֲלָה, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זי"ע, אוּן פוּן נָאךְ צַדִיקִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת", אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן גֶעשְׁרִיגְן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כו): "אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען, נִישְׁט וַוייל אִיךְ שְׁטַאם פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, אוּן נִישְׁט וַוייל מַיין נְשָׁמָה וְכוּ', נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְש קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם", אוּן "אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי דִי פָּשׁוּט'סְטֶע שְׁטוּב, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט" (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כה).

עֶס אִיז אַ טָעוּת פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, מֶען מֵיינְט: 'יֶענֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל עֶר אִיז אַ יַחְסָן, אָבֶּער מַיין טַאטֶע אִיז אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ דֶעלִיוֶוערִי מֶענְטְש, אַ בָּאס דְרֵייוֶוער, מַיין טַאטֶע אִיז אַ גָארְנִישְׁט, אִיךְ קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין', דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער גֶעזָאגְט אַנְדֶערְשׁ, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ טַאטֶע אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ פֶּעדְלֶער אָדֶער אַ טְרֶעגֶער, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט, גֶעבֶּעטְן אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין שְׁמוּעֶס בַּיים רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַלֶע שְׁמוּעֶסְן זֶענֶען נָאר גֶעוֶוען כְּדֵי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן וָואס אִיךְ טוּ, מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, מֶען דַארְף נִישְׁט קְווִיטְשֶׁען, מֶען דַארְף נִישְׁט קְרֶעכְצְן, אִיךְ מַאךְ מִיט דִי לִיפְּן. אֵיינֶער אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען זָאגְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶער ווָאו צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ קוֹיפְן אַן אֵייגֶענֶעם הוֹיז גֵייט עֶר זִיךְ בּוֹיעֶן אֵיין שְׁטָאק פַאר 'הַכְנָסַת אוֹרְחִים', אוּן אֵיין שְׁטָאק פַאר הִתְבּוֹדְדוּת... הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ערה): "אוּנְטֶערְ'ן טַלִית אִיז אַזוֹי וִוי אַ חֶדֶר מְיֻחָד", מֶען צִיט זִיךְ אַרָאפּ דֶעם טַלִית אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווָאו מֶען גֵייט אוּן ווָאו מֶען שְׁטֵייט דַארְף מֶען עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן גוּט, סַיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ"ב)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (גִיטִין נה: נו.) דֶעם גַאנְצְן סִיפּוּר וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ חַבֶר 'קַמְצָא' אוּן אַ שׂוֹנֵא 'בַּר קַמְצָא', עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה, לְכָבוֹד אַ סִיוּם אָדֶער אַ חֲתוּנָה, אָדֶער אַ מְסִבָּה פַאר דִי אַרְבֶּעטֶער פוּן זַיין גֶעשֶׁעפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ זָאל גֵיין רוּפְן זַיין חַבֶר 'קַמְצָא', דֶער שְׁלִיחַ הָאט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיין שׂוֹנֵא 'בַּר קַמְצָא', אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה זֶעט דֶער אִיד וִוי זַיין שׂוֹנֵא זִיצְט בַּיי זַיין מְסִבָּה, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא, אִיךְ וִויל דִיךְ נִישְׁט זֶען אִין מַיין הוֹיז!" הָאט אִים בַּר קַמְצָא גֶעבֶּעטְן: "אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְשֶׁעם מִיךְ נִישְׁט, אַז עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין יָא אַזוֹי גֶעפִירְט אַז אִיךְ בִּין דָא, לָאמִיךְ דָא זַיין! אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן וִויפִיל עֶס קָאסְט מַיין פָּארְצִיֶע", זָאגְט עֶר אִים: "נֵיין, גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא!" זָאגְט אִים בַּר קַמְצָא: "אִיךְ בֶּעט דִיר, פַארְשֶׁעם מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן הַאלְבּ וִויפִיל עֶס קָאסְט דִיר דִי הַיינְטִיגֶע מְסִבָּה", הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "נֵיין! גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא!" זָאגְט אִים בַּר קַמְצָא וַוייטֶער: "וֵוייסְט וָואס?

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט אוּן דָאס הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי פְּחָדִים, פַּאנִיק אַטַאקֶעס אוּן עֶנְקְזַייעֶטִי; אִיר זֶענְט שׁוֹין רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

עֶס אִיז מַמָשׁ אַזוֹי, נֶעגְל וַואסֶער נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְּחָדִים; אַזוֹי שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ד', סָעִיף יט), אַז דִי אַלֶע צַייטְן וָואס מֶען דַארְף וַואשְׁן דִי הֶענְט, אוֹיבּ מֶען וַואשְׁט נִישְׁט – הָאט מֶען אוּמְזִיסְטֶע שְׁרֶעק, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וָואס דִי שְׁרֶעק קוּמְט.

אוֹיךְ דוּרְךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייעֶן אַוֶועק דִי רוּחוֹת רָעוֹת; דוּרְךְ זָאגְן טֶעגְלִיךְ: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, פַאר אַזוֹיפִיל גוּטְס, פַאר אַזוֹיפִיל חֲסָדִים".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שְׁוַוייג אוּן שְׁוַוייג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, מְבָרְכִין
אָב, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז מֶען שְׁרַייט אוֹיף דִיר - שְׁוַוייג, אוּן אַז עֶס אִיז אִין שְׁטוּב - זָאלְסְטוּ זִיכֶער אָפְּשְׁוַוייגְן, אוּן אַז דַיין וַוייבּ רֶעדְט צוּ דִיר נִישְׁט שֵׁיין - זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת; וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וָואס מֶען קוּמְט אָפּ מִיט דֶעם וָואס דִי וַוייבּ רֶעדְט שְׁטֶעכֶעדִיג, מִיט זִלְזוּל; וִויפִיל עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים מֶען נֶעמְט אַרָאפּ - וָואלְסְטוּ דָאס אָנְגֶענוּמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער קִינְד, שְׁוַוייג אוּן שְׁוַוייג, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט כֹּחַ, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט, אַלֶעס הָאט אַ שִׁיעוּר - זָאלְסְטוּ שְׁוַוייגְן, נֶעם עֶס אָן בְּאַהֲבָה, דָאס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע רָאסְט אוּן שְׁמוּץ. וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט, מֶען קוּקְט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, מֶען הָאט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה...

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ סוֹד, וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בְּמַחְשָׁבָה - לַיידְט פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בְּדִיבּוּר - לַיידְט פוּן דִי וַוייבּ, אוּן וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בְּמַעֲשֶׂה - לַיידְט פוּן מֶענְטְשְׁן. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דִי וֶוערְטֶער, אַז מֶען הִיט נִישְׁט דֶעם דִיבּוּר, מֶען עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק - דֶעמָאלְט לַיידְט מֶען אִין שְׁטוּב, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אִין שְׁטוּב, מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְוַוייזְן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט. דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חולין פט.): "אָמַר רַבִּי אִילְעָא, אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל מִי שֶׁבּוֹלֵם אֶת עַצְמוֹ בִּשְׁעַת מְרִיבָה", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אוֹיבּ מֶען הַאלְט אַיין דֶעם דִיבּוּר בַּיי אַ קְרִיגֶערַיי, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק, אוּן אוֹיבּ מֶען עֶנְטְפֶערְט, מֶען טוּט וַויי - פַאלְט אַיין דִי וֶועלְט.

יֶעצְט קוּמְט שַׁבָּת, וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוּן זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן קְרִיגְן, אוּן אַז דַיין וַוייבּ אִיז דִי וָואס הוֹיבְּט אָן קְרִיגְן, זִי הוֹיבְּט אָן פַארְשֶׁעמֶען - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם עֶנְטְפֶערְן, אִיךְ בֶּעט דִיר שְׁוַוייג אוּן שְׁוַוייג, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן שְׁוַוייגְן, אוּן אַז זִי שְׁרֵייט - זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וִוי דוּ בִּיסְט בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּן מֶען אִיז דִיךְ דַן אוֹיף דַיינֶע מַעֲשִׂים אוּן דִי בִּזְיוֹנוֹת נֶעמְט אַלֶעס אַוֶועק.

אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל זוּמֶער, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה; אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, אַ פְרֵיילִיכֶע פְּלַאץ, אִינְדֶערְפְרִי לֶערְנֶען אִיךְ דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא מִיט אִינְגֶעלַייט, אוּן בַּיינַאכְט זִיץ אִיךְ מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן מִיר רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

**עח. מִי שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל חֲבֵרוֹ, עַל יְדֵי זֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כּוֹפֵל לוֹ אֶת טוֹבָתוֹ.** וֶוער עֶס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין חַבֵר, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים טָאפְּלֶען זַיין גוּטְס.

**עט. תְּפִלָּה שֶׁאֵינָהּ נִתְקַבֶּלֶת לְמַעְלָה, נִשְׂרֶפֶת.** אַ תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען אוֹיבְן, וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן וִויפִיל עֶס קָאסְט דִיר דִי גַאנְצֶע מְסִבָּה, נָאר טְשֶׁעפֶּע מִיךְ נִישְׁט, פַארְשֶׁעם מִיךְ נִישְׁט, לָאז מִיר דָא זַיין", הָאט עֶר אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מִיט בִּזְיוֹנוֹת פוּן זַיין הוֹיז.

בַּר קַמְצָא אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט אַז דָארְט זֶענֶען גֶעזִיצְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן, אֵיינֶער שְׁלָאגְט אַ צְוֵוייטְן, אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן, אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען פַאר אִים, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מַסְרְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם קֵייזֶער, פוּן דָא הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי גַאנְצֶע חוּרְבָּן הַבַּיִת.

חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ט:): דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן וַוייל מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים. וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ קֶען מֶען עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען זֶעט וִוי אִידִישֶׁע קֶענִיגְן הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צְלָמִים אוּן גֶעטְשְׁקֶעס, אֲפִילוּ אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט מֶען אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַן עֲבוֹדָה זָרָה; עֶס אִיז גֶעוֶוען גִּלּוּי עֲרָיוֹת; עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁפִיכוּת דָּמִים, מֶען הָאט גֶע'הַרְגְ'עט אֱמֶתְ'עֶ צַדִּיקִים אוּן נְבִיאִים. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְטְרִיבְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר.

נָאךְ זִיבֶּעצִיג יָאר זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים עֶזְרָא אוּן נְחֶמְיָה אוּן צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגְקֵייט, עֶס אִיז מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע עֲבֵירוֹת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶס אוֹיךְ חָרוּב גֶעוָוארְן, פַארְוָואס? וֶועגְן מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט גֶעהַאט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

פִּירְט דִי גְמָרָא אוֹיס (שָׁם): "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", - דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר זִיצְן נָאכְאַלְץ אִין גָלוּת, וַוייל אִידִישֶׁע קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ נָאךְ אַרוּם, דִי עֲבֵירָה פוּן שִׂנְאַת חִנָּם אִיז נָאכְאַלְץ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

וֶוען מִיר זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן מִיר וֵויינֶען אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דַארְפְן מִיר זֶען וָואס מִיר קֶענֶען טוּן צוּרִיק אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הוּנְדֶערְטֶער מָאל, בַּיי אַלֶע שִׁיעוּרִים הָאט דָאס מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְמַאנְט, אוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען יֶעצְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן לֵיינֶען דִי בְּרִיוְון פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶועלְן זֵיי דָארְט זֶען וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט בְּרִיוו נָאךְ בְּרִיוו: "וָואס אִיז דֶער אָפְּטַייטְשׁ פוּן 'גָלוּת'? - פַּיינְטְשַׁאפְט!" אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ פַּיינְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט סוֹבֵל זַיין - דָאס אִיז דֶער גָלוּת!

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א) אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְוֹת אוּן אַזוֹי פַארְנַארְט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ אַוֶועק צוּ גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מַאכְן אַ מַחֲלֹקֶת 'לְשֵׁם שָׁמַיִם', עֶר זָאגְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ: "דוּ וֵוייסְט, עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה פַּיינְט צוּ הָאבְּן דֶעם", "עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה פַּיינְט צוּ הָאבְּן יֶענֶעם", "עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה צוּ מְבַזֶּה זַיין דֶעם אִיד", "עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה צוּ טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעם אִיד", דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פָארְנֶעמֶען אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן קַיין שׁוּם אִיד אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּקְט אוֹיס צוּ זַיין אַ מִצְוָה.

אַוַודַאי אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵיעוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן, אָבֶּער דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי וֶועלְט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח:): "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶן שׁוֹנוֹת, כַּךְ דֵעוֹתֵיהֶן שׁוֹנוֹת", אַזוֹי וִוי אַלֶע זֶעעֶן אוֹיס אַנְדֶערְשׁ - אַזוֹי טְרַאכְטְן אַלֶע אַנְדֶערְשׁ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע מֵיינוּנְג, אַן אַנְדֶערֶע טַעַם, אַן אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְק, אוּן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר לֶעבְּט, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבּ אִיךְ דִיךְ נִישְׁט פַּיינְט, דוּ הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּן מִיר אוּן אִיךְ הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אוּן עֶס אִיז גוּט, מִיר דַארְפְן נִישְׁט הַאלְטְן אֵיינִיג, לְמַעֲשֶׂה גְלֵייבְּן מִיר אַלֶע צוּזַאמֶען אִין אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין צַדִּיקִים, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט.

זַיין בְּאַחְדוּת מִיט יֶעדְן מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי וִוי דִיר, אַז דוּ גֵייסְט שַׁבָּת מִיט אַ שְׁטְרַיימְל – דַארְף אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ אָנְטוּן אַ שְׁטְרַיימְל, אַז דוּ גֵייסְט שַׁבָּת מִיט אַ הוּט – דַארְף אִיךְ זִיךְ אוֹיסְטוּן מַיין שְׁטְרַיימְל אוּן אָנְטוּן אַ הוּט, אָדֶער אַז דוּ גֵייסְט אָן אַ הוּט - דַארְף אִיךְ אוֹיךְ גֵיין אָן אַ הוּט... – נֵיין! אִיךְ פִיר זִיךְ וִוי אַזוֹי אִיךְ פִיר זִיךְ, אוּן דוּ פִיר דִיךְ אַזוֹי וִוי דוּ פִירְסְט דִיךְ, אִיךְ הָאבּ מַיינֶע שִׁיטוֹת אוּן דוּ הָאסְט דַיינֶע שִׁיטוֹת, אָבֶּער מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט!

דָאס אִיז תִּשְׁעָה בְּאָב, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְהֶערְן פַּיינְט הָאבְּן, אִיךְ דַארְף מִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט יֶעדְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין נָאר מִיט מַיין גַאטוּנְג מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער פַּיינְט הָאבְּן?! - מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ קֶענֶען לַיידְן!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, עֶס מוּז זַיין שָׁלוֹם. מֶען מוּז לֵייגְן אַלֶעס אִין דִי זַייט, מֶען דַארְף נִישְׁט 'אַזוֹי טוּן' אוּן 'אַזוֹי טוּן', לֵייג אַלֶעס אִין דִי זַייט אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גָאר קְלֵיין, דָאס אִיז דֶער סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסַארְבֶּעטְן זַיינֶע מִידּוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַרָאפּ לֵייגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זֶען וִוי אֲפִילוּ דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין קִנְאָה; מֶען זֶעט וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן גֶעבְּן אִים אַלֶע כָּבוֹד, יֶעדֶער טְשַׁאטְשְׁקֶעט זִיךְ מִיט אִים, אַלֶע קוּקְן אוֹיף אִים, וִוי נָאר עֶס קוּמְט אַ נַייעֶ בֶּעבִּי הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן שְׁפִּילְן מִיט דִי נַייעֶ בֶּעבִּי, קֶען מֶען זֶען וִוי דֶער עֶלְטֶערֶער קִינְד וֶועט שְׁטִילֶערְהֵייט צוּגֵיין צוּם בֶּעבִּי אִים גֶעבְּן אַ צִיפּ אָדֶער אַרָאפּ וַוארְפְן, אָדֶער אִים שְׁלֶעפְּן בַּיים קַארְג, וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים: "פַארְוָואס טוּסְטוּ דָאס?" וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן וִוי עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעמֵיינְט, עֶר וֶועט שְׁנֶעל לוֹיפְן אִים בְּרֶענְגֶען אַ צוּמִי אוּן אַ בָּאטִי...

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַרַיין לֵייגְן גוּטֶע מִדּוֹת אִין יוּנְגֶע קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען אַ קִינְד שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים אוּן עֶר הַאלְט אַ נַאשׁ אִין דִי הַאנְט, אוּן דֶער שָׁכֵן בֶּעט אִים

<<<<<<

<<<<<< מוהרא"ש דערציילט

פון זיין נאש, זאל מען אויסלערנען דעם קינד ער זאל געבן אביסל פארן שכן, אפילו דער קינד וויל נישט און טענה'ט: "איך וויל נישט געבן, עס איז מיינס!" זאל מען אים אויסלערנען גוטע מדות: "געב אוועק פאר א שכן", אזוי אויך דארפן די מלמדים אריין לייגן אין זייערע תלמידים זיי זאלן אויפוואקסן מיט פארגינען פאר אנדערע, אז א קינד ברענגט אין חדר א שפילצייג און האט שוין געענדיגט שפילן מיט דעם, קומט א חבר און בעט עס פון אים, זאגט דער קינד: "ניין! עס איז מיינס!" זאל מען אים אויסלערנען "לאז דיין חבר שפילן מיט דיין שפילצייג!"

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין זיך אנהייבן איבערבעטן און לעבן בשלום.

(אשר היה אל יואל, תשעה באב תשפ"ב)

# לעבנסגעשיכטע פון רבי'ן (רטו)

## תשכז

שמיני עצרת, שבת קודש כ"ב תשרי, ביי די סעודה אינדערפרי זענען פילע אנשי שלומינו געזעסן ביי די סעודה ביים הייליגן רבי'ן, דער רבי האט ארומגערעדט וואונדערליכע זאכן, ווי זיין שטייגער.

אינמיטן די שמועס האט דער רבי געזאגט אז אויף א גוטן חליף, א גוטע שוחט מעסער, קען מען זען דערויף אלע כלים פון בית המקדש (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רע"ח).

רבי נתן איז מורא'דיג צופלאמט געווארן, ביז ער האט זיך ממש צושריגן און געזאגט, "רבי! עס דאכט זיך מיר אז איר האט נישט וואס מקנא צו זיין קיין שום צדיק, נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט!"

דער רבי האט אים געענטפערט, "דאס איז דאך פשט אין פסוק (במדבר כ"ה, י"א) "בקנאו את קנאתי", דאס איז א צדיק וואס איז נישט מקנא קיין שום צדיק נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, נאר דעם אייבערשטן אליין".

רבי נתן איז געווארן זייער איבערגענומען פון די טיפקייט פון דעם פשט אינעם פסוק, איז ער געווארן נאך מער צופלאמט, ער האט זיך נאכאמאל צושריגן און געזאגט, "אפשר דאס איז פשט וואס חז"ל זאגן (סנהדרין צ"ח:) "אין בן דוד בא אלא בהסח הדעת", משיח וועט נישט קומען נאר מיט הסח הדעת, אפשר מיינט דאס אז ער וועט שוין זיין אויף דער וועלט, מען אבער מען נישט וויסן אז ער איז עס, "מען וועט שמועסן משיח משיח, צום סוף אט איז ער".

האט אים דער רבי געזאגט, "קוק אריין דארט אין די גמרא", אין די גמרא (שם) שטייט אז רב נחמן האט געזאגט "אי מן חיי אנא", אויב משיח איז פון די לעבעדיגע, איז עס איך; און דער רבי האט אויסגעפירט מיט א שמייכל, "אנא הוא".

דערנאך האט דער רבי אסאך גערעדט פון דן זיין יעדן לכף זכות אפילו א רשע גמור, דער הייליגער רבי האט דעמאלט מגלה געווען דעם גאנצן מאמר אין ליקוטי מוהר"ן (חלק א', סימן רפ"ב), ביז צו דעם שטיקל אז ווער עס קען צוזאמנעמען די נקודות טובות, דער קען דאווענען פאר'ן עמוד.

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אמאל אנגעוואונטשן פאר א איד "איר זאלט זוכה זיין צו דערלעבן משיח'ן". דער איד האט גאר שטארק מאריך ימים געווען, ער האט געלעבט זייער לאנג, און אין די צייט פון הייליגן רבי'ן איז ער שוין געווען הונדערט און פופצן יאר אלט, און פון גרויס אלטקייט איז אים שוין ממש נמאס געווארן דאס לעבן, ער האט שוין געוואלט שטארבן, און ער פלעגט ארומפארן צו אלע צדיקים זיך אפצורעדן אויף דעם אז דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אים געבענטשט צו דערלעבן משיח'ן, ער האט נאכנישט זוכה געווען דערצו, און ער איז שוין אזוי אלט און ער האט שוין נישט קיין כח מער צו לעבן, און ער ווייסט נישט וואס צו טון. קיין איין צדיק האט אים נישט געוואוסט וואס צו זאגן, מען האט אים נאר זייער מכבד געווען אז ער האט זוכה געווען צו באקומען אזא ברכה פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע.

<<<<<<



## שאלות ותשובות ברסלב

# לאזן דעם מאן פארן קיין אומאן?

*שאלה:*

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

יישר כח פאר אלעס. מיין מאן וויל זייער שטארק פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, און איך ווייס נישט וואס צו טון, איך האב נישט חשק, פון איין זייט איז מיין מאן אזוי גוט צו מיר, און עס שמעקט מיר נישט אז ער זאל פארן, אבער איך זע ווי שטארק ער וויל פארן, וויל איך בעטן דעם ראש ישיבה שליט"א ווי אזוי קען איך מאכן אז איך זאל אים יא לאזן פארן?

אויך דארף איך גוטע און ווארעמע ווערטער און חיזוק אז עס לוינט פאר א ווייב צו לאזן איר מאן פארן קיין אומאן.

**יישר כח**

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך**

יום ג' פרשת בלק, י"ב תמוז, שנת תשפ"ה לפרט קטן

עס איז קיינעם נישט אנגענעם ווען דער מאן פארט אוועק, פאר אלע פרויען איז נישט גרינג דאס זיין אליין מיט די קינדער ווען דער מאן פארט אוועק פאר יום טוב ראש השנה צום רבי'ן, און נישט נאר פאר די פרויען איז דאס שווער, פאר אונז מענער איז די נסיעה נאך אסאך שווערער, עס איז א שווערע אויסמאטערנדע וועג ביז מען קומט צום רבי'ן, און דאס דארט זיין איז שווער, און דאס אהיים קומען איז אויך זייער שווער, און דאך פארן מיר, ווייל ראש השנה שרייבט מען אפ אלעס וואס וועט פאסירן מיטן מענטש און מיט זיין ווייב און קינדער. אזוי ווי מען זאגט ביים דאווענען (פיוט ונתנה תוקף): "בראש השנה יכתבון", ראש השנה פארשרייבט מען וואס וועט פאסירן די יאר, "וביום צום כפור יחתמון", און יום הכיפורים זיגלט מען אפ וואס מען פארשרייבט, "מי יחיה", ווער וועט לעבן די יאר, "ומי ימות", און ווער וועט שטארבן די יאר, "מי באש", ווער וועט פארברענט ווערן די יאר, "ומי במים", ווער וועט דערטרונקען ווערן די יאר, און אזוי ווייטער.

עס איז טאקע שווער דאס בלייבן אליין אין שטוב אבער וואס וואלט איר געטון אויב עס ווארט אייך חס ושלום א שווערע משפט, איר דארפט זוכן א גרויסער לויער (עורך דין) זאל אייך ראטעווען פון דעם גרויסן משפט, און איר האט די מעגליכקייט אז אייער מאן זאל פארן צום גרויסן לויער אייך פארטיידיגן, אבער איר וועט דארפן שלאפן אליין אין שטוב, אדער אויף א קליינע בעט ביי אייער מוטער, וואלט איר מסכים געווען? און אויב אייער מאן קען פארן צו איינער וואס זאל אים פארטיידיגן מיט אייך אינאיינעם, און אויך שתדל'ען פאר פרנסה פאר אייך, אבער איר וועט דארפן פאר א וואך שלאפן ביי אייער מאמע, און איר וועט וויינען, און אייער מאמע וועט אייך זאגן אהער מיט אהין, וואלט איר געזאגט פאר אייער מאן ער זאל בלייבן אין שטוב? איך בין זיכער אז איר וואלט געשטארקט אייער מאן ער זאל טון וואס איז ריכטיג און גיין צום דאקטער, צום לויער, און אהיים קומען געזונט און מיט א שפע.

איז דאך זיכער ווען עס קומט ראש השנה, מען גייט יעדן איינעם משפט'ן, און דא איז דא א רבי וואס זאגט (חיי מוהר"ן, סימן תח): "הראש השנה שלי הוא חדוש גדול", זיין ביי מיר ראש השנה איז א גרויסע זאך, "השם יתברך נתן לי זאת במתנה" דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה אז איך ווייס וואס ראש השנה איז, "כל העולם כלו תלוי בראש השנה שלי", די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה, נאך האט דער רבי געזאגט (שם, סימן תו): "שיכולין אז אנשים לקבל תקונים מה שבכל השנה לא היה באפשר שיהיה להם תקון בשום אפן", אפילו די וואס איך קען זיי נישט מתקן זיין דורכן יאר, "אף על פי כן בראש השנה יכולין אפילו הם לקבל תקון", אבער אויב די וועלן קומען צו מיר קיין אומאן ראש השנה קען איך אויך זיי פארעכטן, "כי אמר שהוא עושה בראש השנה ענינים ותקונים מה שבכל השנה גם הוא אינו יכול לעשות", ראש השנה קען איך יעדן איינעם העלפן, אפילו מענטשן וואס איך קען זיי נישט מתקן זיין א גאנץ יאר, נאך זאגט דער רבי (שם, סימן תג): "ומי שזוכה להיות אצלו על ראש השנה, ראוי לו לשמח מאד מאד", ווער עס איז זוכה צו זיין ביי מיר ראש השנה דארף זיך זייער פרייען א גאנץ יאר; איז דאך זיכער אז א פרוי וואס האלט נישט אפ איר מאן פון גיין קיין אומאן ראש השנה - וועט זוכה זיין צו אלע הבטחות און צו אלעס גוטס.

**דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

(עצתו אמונה בלק תשפ"ה)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

אֵיינְמָאל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דָארְט וואוֹינְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, דָאס אִיז גֶעוֶועֶן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַרַיינְצוּגֵיין צוּם רֶבִּי"ן. עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי"ן אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד צוּ לֶעבְן אוּן וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוּן דֶער אַלְטֶער אִיד אִיז אַרוֹיס פוּן רֶבִּי"ן, אוּן דֶעמָאלְט אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז אֶפְשָׁר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעמֵיינְט מִיט דִי בְּרָכָה אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אִינְגֶערְמַאן, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט, וַוייל עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטְרַאכְט אַז דָאס הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעמֵיינְט. עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן אוּן עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִין אַ טִיפְן עֶלְטֶער.

**תשכח**

מָאנְטָאג, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט שְׁנֶעל צוּ פָארְן קַיין לֶעמְבֶּערְג, אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן שְׁנֶעל צוּגֶעגְרֵייט וֶועגֶענֶער צוּ בַּאגְלֵייטְן דֶעם רֶבִּי"ן, וִוי עֶס אִיז גֶעוֶועֶן אַיינְגֶעפִירְט.

דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי עֲשִׁירִים וָואס הָאט גֶעהַאט פְּרִיעֶר מִיטְגֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן אוֹיף זֵייעֶר וָואגְן (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תשכ"ב), הָאבְּן יֶעצְט וִוידֶער גֶעוָואלְט פָארְן קַיין מָאהְלוּב, אָבֶער דָאס מָאל הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיטְנֶעמֶען, עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן בַּיי זֵיי בִּיז זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶועֶן, זֵייעֶר פְּלַאן אִיז אָבֶער גֶעוֶועֶן צוּ פָארְן קוֹדֶם בַּאגְלֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן בִּיז צוּם שְׁטֶעט קְרָאסְנִי, אוּן פוּן דָארְט פָארְן קַיין מָאהְלוּב.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט אוּן הָאט גְלַייךְ זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג, דִי עֲשִׁירִים זֶענֶען שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶועֶן גְרֵייט אוֹיף זֵייעֶר וָואגְן, זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ גְלַייךְ נָאכְגֶעפָארְן דֶעם רֶבִּי"ן, אָבֶער דִי אַנְדֶערֶע וֶועגֶענֶער, מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאבְּן זִיךְ נָאךְ פַארְזוֹימְט אַבִּיסְל, בִּיז יֶעדֶער אִיז גֶעוָוארְן גְרֵייט אוּן בִּיז מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן הָאט גֶענוּמֶען אַבִּיסְל צַייט.

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן הוּנְטֶערְשְׁטֶעלִיג מִיט דִי אַנְדֶערֶע וֶועגֶענֶער, דִי עֲשִׁירִים הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פָארְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בִּיז קַיין קְרָאסְנִי, אוּן דָארְט וֶועלְן זֵיי אִים נֶעמֶענְאוֹיף זֵייעֶר וָואגְן צוּ גֵיין קַיין מָאהְלוּב.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הפצה ווערט שטערקער און בעסער ביי אנשי שלומינו

יעדע מיטוואך נאכמיטאג, קענען אלע זען די פילע צענדליגע גרויסע באקסעס אין בית המדרש וואס קומט גלייך פונעם קרן הדפסה. אין די באקסעס ליגן פארפאקט די ספרים, קונטרסים וכדומה, יעדעס איינס צוגעגרייט פאר יעדן מפיץ לויט זיין תכונת הנפש און געברויך.

לויט ווי מען הערט פון קרן הדפסה אפיס, זעט זיך א געוואלדיגע העכערונג אין די ארדערס סיי אין כמות, עס קומען צו כסדר פרישע מפיצים, און סיי אין איכות, מען באשטעלט מער זאכן.

רעדנדיג מיט א מפיץ דערציילט ער אונז פון זיין קוק ווינקל, ווי ער האט זיך געשפירט צוקלאפט, דער ס"ם - זאגט ער אונז - זוכט צו צעקלאפן יעדן, אבער ער פארלייגט זיך נאך מער אויף מפיצים, ווען ער קומט אבער אריין צווישן אנשי שלומינו, און הערט די פאזיטיווע פידבעק "אה, א מפיץ", דאס געבט אים אסאך חיזוק. ער שפירט ווי זיין א מפיץ איז אן ארויפגעקוקטע זאך ביי אנשי שלומינו, "מיט די צייט האב איך געזען אנשי שלומינו זאגן עס נישט סתם," זאגט ער אונז. "אנשי שלומינו האבן א שטארקע געפיל פאר הפצה".

ער דערמאנט זיך א סיפור וואס איז געשען אין מאנסי, "איך בין איינמאל ארויס פאר הפצה, וואו גייט מען? דער אויבערשטער האט מיך צוגעפירט צו א געוויסע גאס, איך בין געווען צעבראכן, אבער מען דארף עפעס טון פאר פרנסה, מען גייט פון איין אדרעס צום צווייטן, דער נעמט, דער געבט. אינמיטן קום איך אן צו אן אדרעס, איינער עפנט, ער זאגט מיר 'איין מינוט', ער קומט צוריק און ברענגט הונדערט דאלער, דאס איז מיר געווען א געוואלדיגע חיזוק".

נאך א מעשה זאגט ער אונז, "איין טאג בין איך געגאנגען הפצה אין א בית המדרש אין וויליאמסבורג, איך האב מפיץ געווען דעם ספר ארך אפים, אינמיטן קומט צו צו מיר א מיטל יעריגער איד און זאגט מיר, "מיט יארן צוריק נאך מיין חתונה, בין איך דורך אסאך שוועריקייטן אין שטוב, קיינער מיר נישט געלערנט וואס מיינט שלום בית, ביז איך האב געטראפן טאקע דעם ספר ארך אפים, איך האב געטראפן א שטיקל אויף עמוד ל"ד, איך קען דעם גאנצן עמוד אויף אויסענווייניג" זאגט ער מיר, און ער הייבט מיר אן נאכזאגן אויסנווייניג דעם גאנצן בלאט, "יעדן טאג פאר איך בין אהיימגעקומען, האב איך עס געלערנט, און דאס האט מיר געטראגן און געראטעוועט מיין שלום בית".

איין אינדערפרי די וואך, נאכ'ן פארלערנען דעם בלאט גמרא, האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפרעגט אנשי שלומינו זאלן דערציילן מעשיות פון הפצה, און פילע אנשי שלומינו האבן געהאט צו דערציילן גאר אינטערסאנטע מעשיות צו דערציילן. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז יעצט אין די זומער טעג, די אידן וואס פארן ארום אין די בערג, און איבעראל זעט מען אידן שטייען פאר היטשעס, און אז מען נעמט אריין א איד פאר א היטש האט מען שוין א גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים, און אויב הערט מען דערוויל אין די קאר א שיעור, האט מען שוין אויך געמאכט הפצה.

היינט צו טאגס גייען צענדליגע אנשי שלומינו הפצה, יעדער פאר זיך אויף זיין צייט, אויף זיין וועג, און אויף זיין פלאץ, איינער נאכמיטאג, איינער אינדערפרי, איינער אין קרית יואל, איינער אין פלעטבוש, איינער אין שטעטל, איינער אין די קעטסקילס, איינער שפירט אז קונטרסים גייט בעסער, ביי איינעם זוכט מען מער גליונות, איינער זאגט אז ביי אים גייט בעסער יו.עס.בי'ס מיט שיעורים, און דער אנדערער טיילט ספרים.

די מפיצים באצאלן פאר די ספרים גאר א קליינע פרייז, ביליגער פון קאסט פרייז, דאס ווערט אויסגעהאלטן דורך די וואס זענען מנדב פאר א זכות אדער מהדורא.

מיר זענען אלע מפיצים, אדער מיט'ן אליינס טיילן און פארקויפן ספרים און קונטרסים, אדער מיט'ן שטיצן די מפיצים און מדפיסים מיט געלט אדער מיט טירחא ווייל מיר האבן אלע איין ציל, צו ברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **בערל שניטצלער** שליט"א קרית ברסלב
**חשובער מלמד אין אונזער הייליגער מוסדות**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן פיש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן סאמעט** הי"ו ביתר עילית
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **משה אהרן שפילמאן** הי"ו וויליאמסבורג
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יואל לאנדא** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **ישעי' איידליס** שליט"א וויליאמסבורג
**חשובער מלמד אין אונזער הייליגער מוסדות**
**צו די אפשערן פון זיין זון ישראל דוד נ"י למז"ט**

## שיעורי ליקוטי מוהר"ן

**אויפגעפרישט די הערליכע קלארע שיעורים אין אידיש אינעם הייליגן ליקוטי מוהר"ן, עס לוינט זיך צו הערן, א תענוג רוחני און גשמי**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 3, 7**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**